


# קריטישער רוף קומט ארויס פון גדולי ומאורי ישראל מנהיגי היהדות החרדית בארה"ק שליט"א, לאור די פארמערטע פעולות הצלה למען קברי ישראל:

"ובפרוס 'ערב יום הקדוש' שנקבע ע"י גדולי הדור הקודם 'מגבית כופר נפש' עבור 'אתרא קדישא' לפדיון נפשו ונפשות ביתו; ירים כל ראש בית אב 'כופר נפשו' סך 54 דאלער, ומי שביכלתו יתן סך 180 דאלער"

## רבי דוד איננו, ואנו ממשיכים!

**שר וגדול נפל בישראל.** דער שר צבא ה' ההולך לפני מחנה ישראל, הגאון הצדיק רבי דוד מיכאל שמידל זצ"ל, וואס איז געשטאנען בראש הצבא אגודת אתרא קדישא 60 יאר, זינט ער איז נתמנה געווארן דורך הגה"ק מבריסק זי"ע וועלכער האט מייסד געווען דעם אתרא קדישא, ועד יומו האחרון האט ער במסירות נפש געקעמפט און אפגעראטעוועט צענדליגער טויזנטער קברי ישראל בארץ ובגולה.

**רבי דוד איז שוין ליידער נישטא, אבער זיינע פעלזן פעסטע יסודות גייט ווייטער אן ביתר שאת אין שפיץ פון יבלחט"א יד ימינו ואיש סודו הרה"ח ר' חזקי' קאלמאנאוויטש שליט"א**

וואס פאר די לעצטע 30 יאר איז ער געשטאנען צו דער האנט פון רבי דוד זצ"ל מיט מסירות נפש, און איז געווען דער גענעראל אויפ'ן פראנט ביי אלע הצלה פראיעקטן למען קברי אבותינו הקדושים - און צוזאמען מיט די געטרייע שטאב מפקחים איז מען ווייטער ממשיך די הייליגע פעולות הצלה, אויפ'ן זעלבן אויסגעטראטענעם דרך

תחת נשיאות

**כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מפשעווארסק שליט"א**
**והגאון הגדול ראש ישיבת בריסק שליט"א**

## אתרא קדישא איז אקטיוו מיט פיקוח והשגחה ביי נאנט צו 500 בוי פראיעקטן, ווי קיינמאל בעפאר!

**צוליב די פילע בוי פראיעקטן אומעטום, זענען טויזנטער קברי ישראל חלילה אין סכנה בכל רחבי ארה"ק און איבער די גארער וועלט.**

**אתרא קדישא האט אויפגענומען נאך פילע מפקחים נאכצוקומען די ריבוי פעולות הצלה, וואס ארבעטן רונדע דעם זייגער מיט א 'השגחה תמידית' אז קברי ישראל זאלן ח"ו נישט געטשעפעט ווערן, אויף קיין שום פאל.**

פילע אויסברייטערונגען פעלן נאך אויס צו קענען נאכקומען די ריזן פארלאנג לשמור על קברי קדושי הארץ. געלט טאר נישט זיין קיין אפהאלט!

## מיר לייזן זיך אויס מיט פדיון נפש. צו ראטעווען נפשות הצדיקים.

ויושר יליצו בעדינו חיות אש! די קדושי ארץ וועלן אונז געדענקען לטובה און מתפלל זיין פאר אונז לטובה ולברכה, אויסצופועל'ן א גוט געבענטשט יאר!




כופר נפש: $54

שותף הצלה: $180

כלל ישראל גייט אריין אין היילגסטן טאג פון יאר מיט די קדושי ארץ אלץ אונזערע מליצי יושר:

בס"ד

# קריאת הצלת קברי ישראל

מאת גדולי ומאורי ישראל מנהיגי היהדות החרדית בארה"ק שליט"א

נודע למשגב בכל תפוצות ישראל פעולותיהם הכבירות של **אגודת 'אתרא קדישא'** שנוסדה לפני כשבעים שנה ע"י גדולי הדור הקודם שחרדו מאד מגזירת חיטוטי שכבי שנתגברה באופן מבהיל ע"י שלטון הכופרים בארצינו הקדושה לעקור את עיקרי האמונה מקרב ישראל. וקרוב לתחילת יסודה נתמנה **הגאון הצדיק רבי דוד מיכאל שמידל זצלל"ה** לשליחות זו ע"י מרן הגרי"ז מבריסק זי"ע שהקים את אתרא קדישא בעצתו ובקשתו של כ"ק מרן אדמו"ר בעל ויואל משה זי"ע.

ובמשך כששים שנה לא נח ולא שקט להעביר רוע הגזירה, וניהל את מערכות הקודש במסירות נפשו, ואתו עמו העסקנים הנאמנים סגל חבורה שעשו על פי הדרכתו והוראתו. אשר לא זזה ידם מתוך ידו עשרות בשנים, יום ולילה לא ישקוטו מלעצור בעד המשחית. ובחסדי ד' זכה להלהיב לבבות ישראל ללמד את בני יהודה קשת. וכמ"פ רשעי ישראל ראשי השלטון ושלוחיהם הוכרחו לסגת אחור והופרה מחשבתם מפני עוז גבורת נפשו.

**ולמותר להרחיב אודות שבח תפארת 'אתרא קדישא' העומדת בשער להצלת קברי ישראל באה"ק ובחו"ל מחילול וניוול ר"ל, ותלי"ת בפעולותיהם הכבירים החובקים זרועות עולם נצלים אלפי קברי ישראל הן בא"י הן בחו"ל.**

וספוני טמוני חול ינוחו בשלום על משכבותם עדי יקיצו וירננו שוכני עפר .

אך אהה נפלו גבורים ויאבדו כלי מלחמה ושר צבא ד' במערכות ישראל הגרד"מ עלתה נשמתו למרום, דואב ודואג לבנו מי יעמוד לנו בפרץ לנוכח הגזירה הנוראה.

**אמנם בזאת ננחם כי בימי חייו הדריך את עסקני אתרא קדישא הנאמנים והמסורים להמשיך בעבוה"ק וגילה דעתו כי אשר עליהם סמך בימי חייו ראויים הם להמשיך בכל פעולות ההצלה, וידם כידו.**

ותלי"ת עדיין זכותו עמנו, וגם אחר פטירתו לח"ע עבוה"ק נמשכת ביתר שאת בהנהגתם של הנשיאים העומדים בראש המפעל,

**ה"ה כ"ק מרן אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א והגאון האדיר ראש ישיבת בריסק שליט"א.**

ומצודת אתרא קדישא פרוסה בכל פנות ומחנות. ודבריהם נשמעים ומתקבלים כאז כן עתה. ובטוחים אנו כי זכותו וכוחו וזכות המשלחים כל מצוקי ארץ יעמדו להם להמשיך בעבודת ההצלה ביתר שאת ועוז.

**ולעת כזאת אשר באו בנים עד משבר, ועבודת ההצלה מתרחבת מאד ונצטרפו כמה וכמה מפקחים לסייע במלאכת הקודש, והמצב הכספי איום ונורא.**

עינינו נשואות לכל בית ישראל, הלא תדעו כי הכריעו מאורי ישראל כל גדולי הדור הקודם נבג"מ והבחל"ח אשר אתנו לאויושט"א על החובה של כל אחד ואחד להטות שכם ולהחלץ חושים להגנת קברי ישראל.

אי לזאת הננו בקריאה קדושה למען ה' ולמען תורתו הקדושה והאמונה הנצחית.

**עמדו נא התייצבו נא באופן מיוחד לחזק ידים רפות ולאמץ ברכים כושלות,**
**ולבא לימין ישע אתרא קדישא אשר שליחותייהו דקמאי עבדי**

**ובפרוס 'ערב יום הקדוש' שנקבע ע"י גדולי הדור הקודם**

# מגבית כופר נפש

# עבור אתרא קדישא

**לפדיון נפשו ונפשות ביתו**

**ירים כל ראש בית אב**

# 'כופר נפשו' סך 54 דאלער

# ומי שביכלתו יתן סך 180 דאלער

ובודאי כי בזכות הפעולות למען הקדושים אשר בארץ המה יתברכו כל המשתתפים והמסייעים בכתיבה וחתימה טובה וכדאי זכות זה להגין על כולא כרכא, ויושר יליצו בעדיכם ספוני טמוני חול לפני שוכן מרומים. למלאות משאלות לבכם לטובה ולברכה, ופתאום יבא אל היכלו האדון אשר נפשנו מחכה ויגאלנו גאולת עולמים במהרה.

**וע"ז באעה"ח בחודש הרחמים והסליחות אלול תשפ"ו**

**יהושע דוד טורצין**
מנהיג קהלת פרושים

**אברהם שמחה א. חנון**
כ"ק אדמו"ר מקהל חסידי ירושלים

**יעקב מענדיל פרידמן**
כ"ק אדמו"ר מבוהוש

**משה זאב זארגער**
דומ"ץ סאטמאר ירושלים

**שמואל משה קרמר**
מנהיג קהלת ברסלב

גם אני מצטרף להנ"ל **יעקב מאיר שכטער**



בס"ד
אתרא קדישא
ראטעוועט
א גאנץ יאר
טויזנטער קברי ישראל
השגחת ופיקוח
אתרא קדישא
כופר נפש
אתרא קדישא
ערב יום הקדוש
רופט יעצט:
929.930.4808
$54
לכה"פ כופר נפש
$180
שותף הצלה



בס"ד
יעדער
איד
ראטעוועט
ערב יום הקדוש
טויזנטער קברי ישראל
כופר
נפש
אונזער שמירה
אתרא
קדישא
ער־ב יום הקד־וש
רופט יעצט:
929.930.4808
$54
לכה"פ כופר נפש
$180
שותף הצלה

דער שבת האט געזיגט!

# דער קאפע-הויז אויף רחוב אגריפס האט ענדליך פארשלאסן דאס געשעפט אום שבת, נאך לענגערע וואכן פון מחאות

מיט גרויס פרייד האט מען אויפגענומען די נייעס אז דער קאפע-הויז, וואו עס זענען פארגעקומען גרויסארטיגע מחאות מדי שבת בשבתו, האט פארשלאסן אום שבת. דאס געשעפט האט געזאלט דינען לויט די פרייע חברה אלס דער 'סימבאל' פון חילול שבת אין דער געגנט, און די שקצים האבן פרובירט מיט אלע כוחות אנצוהאלטן די חילולי שבת, ה"י.

אבער דער ציבור איז נישט מיד געווארן, נאר מדי שבת בשבתו איז מען צוריקגעקומען, און ב"ה אז די וואך, דעם לעצטן שבת פון שנת תשפ"ו, האט מען זוכה געווען מרומם צו זיין דעם כבוד השבת מיט'ן פארמאכן א געשעפט סמוך ונראה צום היימישן חרדי'שן געגנט. כל שומר שבת כדת מחול לו!


ב"ה

לא חרבה ירושלם אלא בשביל שחיללו בה את השבת

לאחר שבעזות מצח וברוב חוצפה ועזות פתח בעל הבית קפה ברחוב אגריפס 8 את שעריו בעיצומו של יום השבת קודש, ולאחר שמחאת השבת התחילה להישמע ברמה.

חרדי ירושלים לא ישיבו חרבה לנדה ונתפוס את אומנות אבותינו להילחם למען כבודה של שבת ונגביר את קול המחאה ביתר שאת ועוז ובמיוחד יתאספו השבוע משעות הראשונות ויתאספו מבתי הכנסיות שמתפללים עם זמן קריא"ש הראשון להתאחד יחדיו למחאה אדירה אשר יזעזע תבל ומלואו.

**כלל חסידי ברסלב**

כלל חסידי ברסלב החונים איש על מחנהו איש על דגלו, בבתי כנסיות של חסידות ברסלב לענפיה יתאספו ויתקבצו בראשות ובהוראת זקני אנ"ש למרגלות בית הכנסת הגדול דחסידי ברסלב במא"ש בשעה 10:30 בהשתתפות הגה"ח ר' אפרים נחמן אנשין שליט"א והגאון ר' יצחק רוזנבלט שליט"א אשר ישא דבר המחאה וחובת השעה

**תושבי שכונת זכרון משה והסביבה**

המחאה המרכזית יתקיים ע"י תושבי שכונת זכרון משה והסביבה יתקבצו עם סיום התפילה בביהכנ"ס הגדול זכרון משה רחוב חפץ חיים בשעה 10:30 בראשות המרא דאתרא הגאון ר' יהודה פישר שליט"א אשר ישא דברי מחאה קצרים.

**קהל פרושים ירושלים**

קהל פרושים ירושלים יתקבצו ע"פ רחבת ביהכנ"ס פרושים הר צבי רחוב צפניה פינת מלאכי בראשות זקני וחשובי הקהילה עם סיום התפילה בשעה 10:30 ישא דברי מחאה קצרים הגאון ר' יחזקאל לינדר שליט"א

**תושבי שכונת בתי הורודנא:**
יתקבצו עם סיום התפילה בשעה 10:15 בביהכנ"ס גן ירושלים - בתי הורודנא

**ביהכנ"ס מצויינים:**
רחוב תחכמוני
סיום התפילה לערך בשעה 10:15

**כלל קהילות הקודש וציבור היראים פעיה"ק**
יצטרפו אגודות אגודות למלחמת אש קודש עם סיום התפלה אל עבר מקום החילול ברחוב אגריפס 8.

הוועד למען קדושת ירושלים

## טעגליכער איבערבליק
### איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### דינסטאג נצבים־וילך

קדקוד/מעלות צור איז מפרסם אז ווער עס ברענגט אריין פרישע סאלדאטן אין דער אפטיילונג, באקומט פאר'ן ערשטן קאפ **1,000** שקל; פאר צוויי חברה - **3,000** שקל; פאר דריי באקומט מען **6,000** שקל; פאר פיר באקומט מען דעם ריזן סכום פון **10,000** שקל; און פון דארט און ווייטער איז יעדער קאפ ווערד אזוי פיל ווי **2,500** שקלים!

מיט עטליכע יאר צוריק איז די מכה פון די גייסים געווען שרעקליך, און אצינד ווילן זיי צוריק אנהייבן די מכת הגייסים אויף א פארשטערקערטן פארנעם ה"י, וואו מענטשן זאלן בעד בצע כסף אריינגארן אידישע נשמות לשמד.

■

אין לופטפעלד איז היי-יאר אוועקגעשטעלט געווארן גאר שטרענגע זיכערהייט מאסנאמען מטעם דעם מיליטער, אז סיי ווער עס איז נישט מסודר מיט'ן מיליטער זאל נישט קענען פארלאזן דאס לאנד. אין די לעצטערע צייטן, זייט די גזירת הגיוס האט זיך פארשטערקערט, ובפרט מיט'ן 'גיוס חובה' אויף אלעמען, פלעגט מען זוכן אלע ערליי לעכער אינעם סיסטעם כדי צו קענען ארויספארן. הגם עס איז געווען אן איינשטעלעניש, איז עס אבער פיל מאל יא געלונגען. אבער היי-יאר האט דאס מיליטער שוין געווארנט אז ווער עס איז נישט מסודר מיט די פאפירן זאל אפילו נישט אנקומען צום עירפארט. דאס אפעקטירט חסידי ברסלב וואס ווילן ארויספארן פון לאנד קיין אומאן אויף ר"ה, און אזוי אויך פון אנדערע חצירות וואס ווילן פארן קיין אמעריקע.

מטעם די היימישע רבני ברסלב איז מען ארויסגעקומען מיט א פאראייניגטן רוף אז מען טאר בשו"א נישט טון סיי וועלכע אומזיכערע פעולה, ווי צו ריזיקירן צו זיצן אין תפיסה, וואס איז נישט געוואונטשן נישט בגשמיות און נישט ברוחניות; און אוודאי נישט צו גיין אין לשכת הגיוס מיט א חשבון צו חתמ'ענען אויף סיי וועלכן פארמאט פון הסכמה לגיוס וכדו'. היי-יאר איז מען שוין געשטאנען על המשמר א לענגערע צייט בעפאר ר"ה, און ב"ה רוב ציבור האט זיך געהאלטן שטארק, אבער נאך אלץ האט מען געהערט פון אסאך ארעסטירטע בחורים וואס זיצן אין כלא **10** אויף ראש השנה.

■

א גאר באדייטנדע געשיכטע וואס צייגט די הצלת נשמות וואס איז פארגעקומען במשך די צוויי 'ימי גיוס': א בחור איז געקומען ביום הגיוס זיך מגייס זיין מיט אן אויסרייד אז ער גייט בלויז אננעמען א 'משגיח כשרות דזשאב' אין דער מיליטערישער קאך, און אלס א מיליטערישער משגיח דארף ער ניטאמאל אדורכגיין די מיליטערישע טרעינירונגען; נאר איין זאך - ער ווערט פטור פון זיין א 'משתמט'.

אבער די עסקנים אינדרויסן פון לשכת הגיוס האבן אים מיטגעטיילט ערשט-האנטיגע געשיכטעס פון אזעלכע פעלער וואו איינער איז אריין אין מיליטער בלויז צו זיין א משגיח כשרות, און ער איז ל"ע אריינגעפאלן אינעם פינסטערן נעץ, ה"י.

בשעת מען האט אים עס דערציילט האט ער איגנארירט די עסקנים, אבער א טאג שפעטער איז ער ב"ה געקומען צום אפיס פון "יד להושיע" זאגנדיג אז ער האט זיך אדורכגעטראכט און ער וויל נישט אריינפאלן כדרך שנפל פלוני, און מען גייט אים אצינד ארויסהעלפן פטור צו ווערן פונעם מיליטער.

די מעשה ברענגט ארויס דריי זאכן: 1. וויפיל מען טוט אויף מיט די מחאות והסברה. 2. דער פחד און אנגסט וואס ליגט אויף די אומשולדיגע בחורים. 3. די גלאטע צינגלעך פונעם מיליטער, צו איינרעדן אז מען ווערט בלויז א משגיח כשרות ווען דער ציל איז שמד.

■

כבוד וחנופה לרשעים! דער נשיא המדינה איז צום אלגעמיינעם לערן-יאר אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד אין ת"ת "עטרת שלמה" סניף טעלזסטון. הגם די ישיבה האט א שארפע שטעלונג קעגן גיוס עטוואס מער פון אנדערע דגל'יסטישע ישיבות, אבער לע"ע זענען זיי נהנים משולחן אזבל, און אז מען קומט באזוכן דארף מען עפענען די טיר פאר די נדבנים...

אין אנדערע נייעס, האט זיך אנגעהויבן דער לערן-יאר אין מדינת ישראל מיט 2.5 מיליאן קינדער אין די פרייע שולעס. דער פאקט אליין אז צוויי מיט א האלב מיליאן קינדער מזרע ישראל ווערן נתחנך בקום ועשה לשמד איז א צרה גדולה, ווי רביה"ק זי"ע האט געזאגט הושענא רבה תשכ"א, וזתו"ד: "בעוונותינו הרבים, די פריערדיגע צדיקים וואלטן דאס נישט געקענט צוזען וואס מען זעט היינט בארצינו הקדושה. עס וואקסט אויס א דור, 95 פראצענט איז הכל מודים (בשנת תשכ"א) אז מען לערנט זיי אויס צו זיין כופרים, ל"ע. מען לערנט זיי כפירה, מען זאל פארשפרייטן כפירה אויף די גאנצע וועלט, וכו' וכו'. און מיר זענען נעבעך אזוי מגושם, מען שלינגט דאס אראפ אזוי ווי א שלינג וואסער. אוי וויי, מען האט געדארפט איינצורייסן אויף אזא מצב, וכו'. אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים." ע"כ דבריו הקדושים.

און כהיום הזה תשפ"ו איז נאך נתוסף געווארן אז א.ג. חרדי'שע חסידי'שע מוסדות זענען שוין ליידער אויך אינעם אפיציעלן חינוך נעץ, חינוך ממלכתי חרדי, ה"י.

■

### מיטוואך נצבים־וילך

ברוך מתיר אסורים! דער חשוב'ער יונגערמאן הר"ר יצחק כהן שליט"א, מחסידי סקווירא, איז ענדליך באפרייט געווארן נאכ'ן זיצן צוויי טעג אין תפיסה, שטייענדיג הארט פאר'ן שמחת הברית מילה פון זיין ניי-געבוירן קינד. דער אפטיילונג 'להוציא ממסגר' שע"י 'ועד אסירי ציון' האט באגלייט די קעיס און גאר שווער געארבעט פאר זיין באפרייאונג, און גלייכצייטיג מחזק געווען די בני המשפחה במשך די פאר אנגעצויגענע טעג.

■

קרן ויואל משה שיקט אריין חיזוק פעקלעך, ווי זייער שטייגער ביי א נייע ארעסטאנט, פאר די פרישע ארעסטירטע מחסידי ברסלב וואס זענען פארהאלטן געווארן אין לופטפעלד, און מען האפט בס"ד אויף זייער שנעלע באפרייאונג.



■

אין א שמועס מיט אן אסיר פון כלא 10 - די מיליטערישע טורמע, גיבט ער איבער אז דער מצב אין תפיסה צווישן די מיליטערישע ארעסטאנטן איז גאנץ געהויבן א דאנק די שווערע ארבעט וואס די חשוב'ע עסקנים לייגן אריין. די חשוב'ע בעלי מסירות נפש וואס האבן די כוחות זיצן אין בידוד; איינער זיצט מיטן הוט און רעקל די גאנצע צייט, און דאס איז משפיע אויף די אנדערע אסירים פון די גאנצע תפיסה, און ב"ה מען האלט זיך זייער שטארק, "וכל כלי יוצר עליך לא יוצלח".

■

וויפיל האלט איר איז אונזער מחאה ווערד? הערט וואס זיי זאגן! נאכ'ן איבערגעבן א פונקטליכע ליסטע פון וויפיל נופלים עס זענען ליידער אריינגעפאלן אין די צוויי ימי הגיוס, גיבט א חרד"ק, י. לעווי, איבער זיינע 'אינערליכע הרגשים'... און זאגט ווי פאלגנד: "אונטער יעדן חרדי'שן בחור וואס קומט אריין אין מיליטער, איז 'אויפגעסעט' א גאנצע מערכה וואס שטופט אים זיך נישט מגייס צו זיין. יעדער סאלדאט איז ממש א וועלט! (יא יא, אן עולם מלא וואס פאלט נעבעך אוועק.) א גאנצע מערכה איז דא קעגן דעם!

# וואס איז די גזירת הגיוס?

## - פערטע פארזעצונג -

די חרדי'שע חברי הכנסת זענען אריין אין א פאניק, ווייל א געזעץ וואס איז מחייב רוב בחורים אריינצוגיין אין מיליטער וועט דאך לכאורה נישט געשען, און דאס וועט מיינען אז מען וועט זיי, די חרדי'שע פארטייען, מער נישט אריינעמען אין קיין שום קאאליציע אפמאכן, און זיי וועלן מער נישט האבן די ריזיגע געלטער וואס מען האט אזויפיל יארן באקומען.

במילא האבן זיי אנגעהויבן שווער צו ארבעטן, כדי חס ושלום יא אנהויבן אריינצורוקן בחורים אין מיליטער, אבער זיי האבן זיך אנגעשטויסן אין א גאר שטארקער קעגנערשאפט פון ממש אלע גדולי הרבנים פון די ליטווישע 'דגל התורה' פארטיי.

('דגל התורה' איז די ליטווישע פראקציע אינערהאלב אגודת ישראל. אויפן אפיציעלן נאמען ווען מען גייט וועלן פיגורירט אגודה/דגל אונטערן נאמען 'יהדות התורה והשבת'. ווען זיי זענען נתייסד געווארן נאך בשנת תרע"א/תרע"ב האבן זיי געהייסן 'אגודת ישראל', און מיט דעם נאמען זענען זיי באקאנט, אבער אויפן צעטל ווערן זיי גערופן 'יהדות התורה והשבת'. זיי זענען צעטיילט אין צוויי חלקים: 1) די גרויסע חסידות'ער; 2) די ליטווישע, וואס ווערן גערופן 'דגל התורה'. דער פלאץ איז צו באגרעניצט מאריך צו זיין אין די פרטים וואס מכלומר'שט זיצן דאך די חברי הכנסת 'אויפצוטאן', אבער למעשה רייסן זיי זיך ארום ווער עס ברענגט מער שטימען צום טיש, און פאר וועמען עס קומט זיך מער געלט-כבוד-צייטונג דעקונג, וואס דאס ברענגט עטוואס ארויס "וואס מען טוט אלץ אויף דארטן אין כנסת המינים".)

אין א שארפן בריוו פון חודש אייר תשנ"ט איז ערקלערט געווארן דורך די ליטווישע גדולים פון 'דגל' אז מיליטער איז אסור! זיי באציען זיך אויף דעם וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם טרויעריג-בארימטן אפטיילונג 'נחל חרדי', אן אפטיילונג ספעציעל פאר חרדישע א.ג. שוואכע בחורים.

ווען מען ליינט די לשונות אצינד בשנת תשפ"ו, קוקט עס אויס ווי פון די קנאים אין מאה שערים, אבער דאס איז א טייל פון זייערע לשונות: "ולהרים קול מר על סילוף יסודי התורה שקבלנו מנותן התורה במעמד הר סיני, אוי לעיניהם שכך רואות, אוי לאזניהם שכך שומעות, שמסגרת הצבא הוא הפתרון המוצלח וכו'". האם מקום שנמצא בסמכות פורקי עול שכל מטרתם לעקור את הדת, הוא המקום שבו יתחנכו ליראת שמים? ולכן, אחי, נא אל תיראו ואל תגעו במשיחי וכו', חלילה וחלילה לא תהיה כזאת בישראל". ביז אהער זענען אויסצוגן פון די ליטווישע גדולים בשנת תשנ"ט.

די חברי הכנסת פון 'דגל' האבן געזען אז מען טאפט א וואנט און מען מוז לאזן די 'גיוס כספים' ווייטער פליסן. בלית ברירה האבן זיי מקיים געווען דעם "עשה לך רב" און געקרוינט א נייעם רב אויף דער פארטיי, הר' שטיינמאן פון בני ברק, און אזוי צוביסלעך צוביסלעך אריבערגעריקט די פירערשאפט אונטער אים. די דגל'יסטישע צייטונג "יתד נאמן" האט אים אנגעהויבן צו קרוינען אלס גדול הדור, און די אלע אנדערע גדולים האט מען שיין אוועקגערוקט אין א זייט, און נחל חרדי איז ליידער געווארן א פאקט.

די גדולי ומאורי ישראל זי"ע זצוקללה"ה בארצינו הקדושה, די חברי בית דין צדק בירושלים עיה"ק תובב"א, האבן געשיקט הילפס-רופן קיין חוץ לארץ צו די חברי התאחדות הרבנים ארויסצוקומען מיט א ווי-געשריי אנטקעגן דעם ערשטן שפאלט אין דער חומה פון גזירת גיוס בנים. זיי, די ערליכע מנהיגים פון כלל ישראל החונים על דגלה פון סאטמאר - עדה החרדית, האבן תיכף פאראויסגעזען וואס עס ווארט דא אפ, און בשנת תש"ס האט דער ביד"ץ עדה החרדית געשריבן אין א בריוו: "נתרגשה על דרי עם קודש גזירת גיוס בני הישיבות לצבאם, ולדאבון לבנו רבים נתפסו לחלקת לשון של המתעטפים באצטלא דרבנן להזדקק לפשרות שיבואו לידי כך שחלק ניכר מבחורי ישראל היראים יתגייסו לצבא בכל מיני צורות בפיתוי ובהסתה, ואם החריש נחריש לעת כזאת מי יודע מה יהא בסופו של הציבור החרדי, והמצב איום ונורא, ועלינו לעשות כל תצדקי להרעיש עולמות ולהביא לידיעת הציבור את חומר הסכנה, ולצעוק בקול רעש גדול נגד המסיתים והמדיחים שידם במעל הזה."

עכ"פ, מען זעט פון די ווערטער ווי שוין ביים אנהייב פונעם נחל חרדי האט מען אנגעהויבן מיט פיתויים איינצורעדן תמימות'דיגע בחורים אז גיין אין מיליטער איז נישט אזוי געפערליך. דער ביד"ץ שרייבט אז עס איז א 'מצב איום ונורא', און אויב מען וועט שווייגן, ווער ווייסט וואס עס וועט זיין דער סוף פונעם חרדישן ציבור.

די מדינה פון זייער זייט האט אבער ליידער באקומען איר ענטפער. די חרדישע חברי כנסת זענען גרייט צו שמד'ן אידישע בחורים בעד בצע כסף, און מען דארף נאר לייגן אביסל מער דרוק, און דעמאלט וועט די זאך גיין שנעלער און שטערקער, ה"י.

בשנת תשס"ב האט דער ביד"ץ ארויסגעשיקט נאך א בריוו פאר התאחדות הרבנים אויפצושטורעמען דאס יהדות החרדית בארצות הגולה. אין חודש שבט תשס"ב איז טאקע ערשינען א היסטארישער פאראייניגטער קול קורא, וואו מען שליסט אן דעם גאנצן יהדות החרדית אין דעם הייליגן קאמף אקעגן 'נחל חרדי', און עס איז דעמאלט געגרינדעט געווארן א ספעציעלער וועד הרבנים זיך אפצוגעבן מיט די אלע אנגעלעגנהייטן ארום די מערכה מיטן גזירת הגיוס. און ווען דער אויבנדערמאנטער רב פון בני ברק איז געקומען קיין אמעריקע מיטן ציל זיך צו קרוינען אלס גדול הדור, זענען עפ"י הוראת הרבנים פארגעקומען מחאות וואו מען האט אויסגערופן דעם קול מלחמה במחנה אקעגן נחל חרדי, וואס דאס איז ליידער געווען דער שפאלט אריין אינעם חרדישן אידנטום.

(פארזעצונג קומט אי"ה)




דער שארפער בריוו פון די ליטווישע גדולים פון דגל, אייר תשנ"ט, קעגן דעם טרויעריג-בארימטן 'נחל חרדי'




די הילפס-רוף בריוון פונעם ביד"ץ וואו זיי פאדערן אויפצושטורעמען דאס יהדות הגולה

## משמרת חומתינו

און דאך קומט מען!" ביז אהער זענען די ווערטער פונעם חרד"ק. אויף אונז ליגט דער פליכט צו פארשטערקערן די מערכה, ווייל "יעדער סאלדאט איז אן עולם מלא", וגדול המחטיאו יותר מן ההורגו.

■

## דאנערשטאג נצבים-וילך

א גרויסע העצע איז אנטשטאנען אין די פארשידענע זייטלעך פון די ציוניסטישע אמעריקאניזירטע אנהענגער פונעם פרעזידענט. זינט עס איז באקאנט געווארן אז א רבני'שע דעלעגאציע איז ערווארטעט אויפגענומען צו ווערן אינעם ווייסן הויז, האבן די אלע חברה געוואלט אויסאיבן דרוק אויפ'ן פרעזידענט'ס שטאב נישט אויפצונעמען די דעלעגאציע וואס איז אנטי-מדינה. אבער עס איז גארנישט געווארן דערפון. אדרבה, דאס אז דער אמעריקאנער פרעזידענט יר"ה האט יא אויפגענומען די רבנים, האט געוויזן אז טראץ דעם וואס מ'איז קעגן די מדינה נעמט מען זיי נאך אלץ אויף, און אמעריקאנער אידן ווערן נישט פארטרעטן דורך די ציוניסטישע אינטערעסן.

ביים באזוך זעלבסט, וואו עס איז אויסגעשמועסט געווארן פילע וויכטיגע נושאים בעניני הכלל והפרט, האט מען מטעם דעם ווייסן הויז שטאב געגעבן דאס ווארט פאר כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, וועלכער האט מיט הארציגע ווערטער איבערגעגעבן פאר'ן אמעריקאנער פרעזידענט יר"ה דעם ביטערן מצב פון גיוס וואס קומט אצינד פאר אין דער מדינה, און אז כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם קוקן ארויס אז מ'זאל זיך אננעמען פאר'ן ווארילזיין פון אחב"י תושבי ארה"ק. עס איז צום האפן אז דער באזוך וועט אויפטון לטובת די 100,000 בחורים און אינגעלייט אויף וועמען עס לויערט א געפאר פון גיוס, וכל כלי יוצר עליך לא יוצלח.

■

אומגלויבליך! אין תפיסה נומ' 10 זיצט א גרופע פון 16 מזרחיסטן וואס זיצן אלס אן עונש פאר'ן נישט פאלגן מיליטערישע באפעלן, נאך וואס זיי האבן נישט געוואלט זיין אינאיינעם בתערובת ובפריצות אין זייער צוגעזאגטער א.ג. פרומער אפטיילונג. דאס איז בנוסף צו דעם וואס מ'האט זיי געצוואונגען מחלל שבת צו זיין מיט א מכלומר'שטן 'היתר' פון אן אזויגערופענעם רב.

און מ'קען זיך פארשטעלן: אויב מזרחיסטן רעדן זיך אפ אויפ'ן רוחניות'דיגן מצב אין מיליטער, וואס דער אמת'ער צושטאנד דארט איז.

■

## זונטאג האזינו א'

אויף שב"ק פר' נצבים-וילך זענען געזעסן פערציג בחורים אין תפיסה נומ' 10 צוליב די גזירת הגיוס. קרן ויואל משה איז מפרסם די וועכנטליכע ליסטע להעתיר בתפילה ובתחנונים.

■

געני וי אלע אנדערע וואכן איז פאראויסגעגאנגען די מחאות למען שמירת שבת קדשינו (חוץ ביי רחוב אגריפס וואו דאס קאפע-הויז איז שוין ב"ה פארשלאסן) אין בני ברק, מירון, צפת, און אזוי אויך אין א נייע געגנט אין ירושלים וואו באסעס פארן אדורך בעצם יום השבת קודש.

■

ווי ערווארטעט, איז ענדגילטיג ארויסגעקומען דער פסק הבג"ץ איבער'ן חוק המעצרים פון אגודה/דגל אפצושטעלן די מיליטערישע ארעסטן פאר דריי חדשים, אז עס איז אומגעזעצליך און די ארעסטן קענען ווייטער פאראויסגיין! קיינער האט במילא נישט אנדערש ערווארטעט, נאר עס דינט אלס א דערמאנונג פאר די טויזנטער תמימות'דיגע ווייל ער וואס לויפן ביום הבחירות אריינוועלן חברי הכנסת, אז וואס נאר די חברי הכנסת וועלן אויפטון, וועט ממילא דער בג"ץ פסל'ען. איז אפשר זאלן די חרדי'שע חברי הכנסת לויפן פאר'ן אמט פון שופט בג"ץ???

■

מטעם די חשוב'ע עסקנים האט מען מייחד געווען א ספעציעלן טעל. נומער וואו מען קען לאזן חיזוק מעסעדזשעס פאר'ן בחור אברהם יצחק בן ברכה בריינדל, וועלכער זיצט שוין דריי חדשים אין די ציוניסטישע תפיסות צוליב עלילות שפילות. היות דער בחור קומט פון באלטימאר און ער רעדט ענגליש, דארפן די מעסעדזשעס זיין אויף ענגליש. צו האבן די זכיה צו שענקען חיזוק פאר'ן בחור, קען מען לאזן א מעסעדזש אויף 605-562-3986.


עשה למען אוהביך שוכני עפר!

# יערליכער מגבית כופר נפש לטובת מוסד הק' "אתרא קדישא" פאר'ן ווארילזיין פון די ישני עפר בארץ ובגולה, לקראת ימי הרחמים והסליחות שנת תשפ"ז לפ"ק

שטייענדיג בשנת האבל פונעם שר צבא ה', דעם געטרייען שליח פון גדולי ומצוקי ארץ נבג"מ, הגה"צ רבי דוד מיכאל שמידל זצוק"ל, איז מען ממשיך ביתר שאת וביתר עוז משאת נפשו הטהורה, מיט'ן געבן גרעסערע סכומים לטובת אתרא קדישא



# אבל יחיד

## וואו איז דער באשעפער?

ווי דער רב שליט"א האט ארויסגעברענגט ביי זיין הספד די געוואלדיגע עמל ויגיעה פונעם גרויסן נפטר, וועלכער איז נישט ארגינעל ערצויגן געווארן אויפן דרך הקנאות, אבער זיין הייליג הארץ האט געברענט פארן באשעפער, און ער האט אויפגעזוכט דעם אמת ווי אברהם אבינו, וועלכער האט אליין געלעכצט און געזוכט דעם אמת זיך מדבק צו זיין צום מקור הקדושה.

ביי די שבעה, ווען רבינו שליט"א איז געקומען מנחם אבל זיין, האט איינער פון די משפחה גערעדט איבער דעם ענין און ארויסגעברענגט וואס הרה"צ רבי חיים יוסף האט ביי א געלעגנהייט דערציילט. (דאס איז געווען א באזונדערע פליאה, היות ביי רבי חיים יוסף אין שטוב האט מען קיינמאל נישט גערעדט פון א 'דריטן', כידוע זיין געוואלדיגע זהירות און כבוד הבריות אויף גאר א שטארקן אופן. אויב איינער האט אמאל אנגעהויבן רעדן פון א דריטן, אפגעזען ווער יענער איז געווען, האט ער געמאכט אזא תנועה אויףביידע אויערן מיט א שמייכל, וואס מען האט גלייך פארשטאנען אז עס איז אים נישט ניחא מען זאל ממשיך זיין.)

פארציילט אחד מבני המשפחה די געוואלדיגע קשר וואס הרה"צ רבי חיים יוסף האט געהאט צום בעלזא קרייז. אמאל איז ער געגאנגען צו א טיש, און מען האט געווארט גאר לאנג ביז מ'איז אריינגעקומען, ממש א שעה אדער מער. ארויסגייענדיג זעט רבי חיים יוסף ווי דער ארטיגער רב פארברענגט מיט א 'חייל צה"ל' מיט געווער אויף די ארעמס, און שמועסט געשמאק מיט אים, בשעת יענער איז א מחלל שבת בפרהסיא.

אויפן פלאץ האט רבי חיים יוסף מחליט געווען: 'עס קען נישט זיין אז דא איז דער מקור הקדושה', און ער האט תיכף אויף זיך מקבל געווען אז מער טרעט ער נישט איבער דעם שוועל פון דעם ביהמ"ד. זינט דאן האט ער זיך מדבק געווען צו די אנשי ישוב הישן, צו ק"ק תולדות אהרן, און געפילעוועט אין די ספרי דבי רב פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע.

רבי חיים יוסף האט אויסגעפירט: 'אסאך רבי'ס וואלטן זיך היינט געוואונטשן צו האבן אזעלכע חסידים אויף דעם זעלבן מדרגה וואו איך בין ביז דאן געווען אלס חסיד פון בעלזא'...

## דער צדיק אמת

מענין לענין האט רבי חיים יוסף דערציילט, אז זיין פאטער רבי דוב בעריש האט אים ביי א געלעגנהייט געזאגט, אז פארן קריג האבן אלע ערליכע רבנים געהאלטן קעגן די גרינדונג פון א מדינה און קעגן די ציוניסטישע באוועגונג. און אויב אצינד נאך די מלחמה איז הרה"ק מסאטמאר זי"ע דער איינציגער וואס גייט אויף דעם דרך, מוז בההכרח זיין אז ער איז דער צדיק אמת, ווייל אלע פריערדיגע צדיקים האבן געזאגט ממש דאס זעלבע.

## אפילו מאה פעמים!

עס דערציילט מוה"ר נתן יודא העכט הי"ו, וועלכער האט מיטגעלעבט די שטורמישע פראטעסטן אין ארה"ק אין יענע תקופות:

ביי איינע פון די באפרייאונגען, נאכדעם וואס רבי חיים יוסף איז אפגעזעסן א לאנגע צייט אין תפיסה, גלייך אויפן וועג אהיים, אונטערוועגנס צו די גרויסע קבלת פנים וואו טויזנטער אידן האבן אפגעווארט בשמחה ובשירה דעם בעל מסירות נפש, האט ער געפרעגט די ארומיגע וואס עס הערט זיך עפעס, היות ער איז געווען אפגעהאקט פון די וועלט אונטער די פייניגונגען פון די פארשאלטענע רשעים, און מען האט אים נישט ערלויבט צו רעדן מער ווי געציילטע מינוטן אויפן טעלעפאן דורכאויס די וואך.

האט מען אים דערציילט אז מען האט פאריגע וואך אנגעהויבן גראבן אינעם בית החיים ביים מורד הר הבית.

'האט מען שוין עפעס געטון?' האט ער גלייך געפרעגט.

ווען די ארומיגע האבן זיך פארענטפערט אז ס'איז נאכנישט געווען די צייט זיך צוזאמצונעמען די כוחות, בפרט אינמיטן העפטיגע שלאכטן אויף אזויפיל באזונדערע פראנטן. האט רבי חיים יוסף געזאגט: " מיר פארן דאך דא יעצט א באס מיט צענדליגער אידן, וואס געווענליך איז נישט אזוי גרינג צוזאמצושטעלן, אבער דא איז עס דאך ממש פון הימל. לאמיר שוין אהינגיין אפהאלטן דעם חילול הקברים."

מען האט אים פרובירט אפרעדן, אז מ'קען נישט אויסשפילן א ציבור פון טויזנטער אידן וואס ווארטן אויף די גאסן אין כיכר השבת צום גרויסן קבלת פנים.

הערנדיג דאס, האט ער שוין געהאט צוויי סיבות צו פארקירעווען דעם באס... ער איז פערזענליך צוגעגאנגען צום דרייווער און געפרעגט: 'וויפיל קאסט עס איר זאלט אונז פירן צום מורד הר הבית?', און ער האט גענומען אויף זיך די קאסטן. און ווירקליך איז דעמאלט פארגעקומען די ערשטע פראטעסט ביים מקום חילול הקברים דארט.

צו די רייזנדע, וועלכע זענען געווען געפלעפט פון זיין מסירות נפש, האט רבי חיים יוסף זיך אויסגעדרוקט: 'פארוואס מיינט איר האט מען אונז באפרייט פון תפיסה... פאר אומזיסט?'

פארשטייט זיך אז מען האט רבי חיים יוסף פון דארט תיכף ארעסטירט.

דער באס איז צוגעפארן צום קבלת פנים אן דעם 'אסיר ציון'. אנקומענדיג האבן אלע געטאנצט און געפאטשט (עס זענען נאכנישט געווען קיין טעלעפאנען מיטצוהאלטן די אנטוויקלונגען אזוי שנעל), און אלע האבן געווארט אז רבי חיים יוסף זאל אראפשטייגן פונעם באס. עס איז געווען א גאנצע בימת הכבוד מיט די גרעסטע רבנים פון די עדה החרדית, דער גאב"ד זצוק"ל און נאך.

ווען זיי האבן געהערט אז רבי חיים יוסף געפינט זיך גאר אין 'מגרש הרוסים' אונטער ארעסט, האט זיך תיכף אפגעשטעלט די קבלת פנים און עס האט זיך אנגעהויבן א פרישע מערכה קעגן די חילול הקברים, מיט העפטיגע שתדלנות און פראטעסטן צו פארלאנגען די באפרייאונג פונעם אסיר ציון.

## באגלייטן א קינד! אונטער די חופה!

אמאל ביי א ניחום אבלים האט רבי חיים יוסף דערציילט איבער דעם וואס ער האט ל"ע באגלייט דריי קינדער למנוחת עולם וואוינענדיג אין טאהש. האט רבי חיים יוסף דאן געזאגט פחדים'דיגע ווערטער: 'איך האב באגלייט מיינע קינדער מיט די זעלבע הרגשה ווי מען פירט א קינד אונטער די חופה! ביידע זענען רצון השם!' וראוים הדברים למי שאמרם.

כידוע איז רבי חיים יוסף נתנסה געווארן בעשרה נסיונות אויף אזויפיל תחומין, אבער ער האט אלעמאל געפלאמט פארן רצון השם, און נאך מער פון אלעם מיט א קענטיגע שמחה וואס האט איבערגעלאזט א רישומא קדישא אויף אלע זיינע ארומיגע, וועלכע זענען אנגעשטעקט געווארן מיט זיין התלהבות און קאך.

## הקובע מקום לתפלתו

רבי חיים יוסף האט געהאט א געוואלדיגע עקשנות אויף יעדן קוצו של יו"ד פון יעדע הלכה. כידוע האט ער געהאט זיין מקום קבוע לתפלה אין גרויסן ביהמ"ד נעבן ארון הקודש, אבער וואס ווייניג ווייסן איז זיין געוואלדיגע עקשנות מקיים צו זיין דעם ענין פון 'הקובע מקום לתפלתו'.

ווען עס איז געקומען צו שמחת צאצאיו, ביי שבת אויפרופן, קידושים, אדער אנדערע צייטן ווען די משפחה האט געבעטן ער זאל קומען באשיינען די שמחה און קומען דאווענען ביי די שמחה, האט רבי חיים יוסף אנגעהאלטן זיין מקום קבוע און צוגעזאגט אז תיכף נאכן דאווענען וועט ער אריבערקומען באשיינען די שמחה. און ווירקליך איז ער נאכן דאווענען געגאנגען דעם ווייטן וועג ביז צו די שמחה, אבער ער האט אנגעהאלטן מיט א פעסטקייט צו קובע זיין א פלאץ צום דאווענען.

די זעלבע האבן מתפללים מיטגעהאלטן אינדערוואכן, וואו ער האט אלעמאל פארנומען דעם מזרח וואנט אין אלטן ביהמ"ד אין 'חדר בית מנחם', און שפעטער אויך אין די נייע שטיבלעך האט רבי חיים יוסף אלעמאל געהאט זיין מקום קבוע, און פון דארט אפגעראכטן די געהויבענע תפילות מיט אן 'אינערליכן' קאך, אן קיין קולות; עס האט געשריגן פון הארץ,

# הרה"צ רבי חיים יוסף גאטליעב זצ"ל

עובדות און סיפורים וואס זענען געהערט געווארן אין די בתי מדרשים אין די טעג נאך די פטירה, וואו אידן פארציילן פערזענליכע שילדערונגען איבער האי צדיק וחסיד, בעל מסירות נפש, אוהבן של ישראל

און יעדער וואס האט דאס צוגעזען איז נתעורר געווארן.

## חנוכה געלט...

עס איז געווען אמאל אין א גאר געדרוקטע צייט, ווען ס'איז ממש נישט געווען אין שטוב אויף גארנישט. רבי חיים יוסף האט זיך געוואנדן כלפי שמיא און זיך אויסגעדרוקט: 'טאטע, יעדער טאטע גיבט יעצט חנוכה געלט פאר זיינע קינדער; אויב מעג איך בעטן חנוכה געלט'. עס זענען נישט אריבער מער ווי געציילטע מינוט, ווען א דאקטאר איז פארבייגעגאנגען און ארויסגענומען פון טאש א קאנווערט און דאס געגעבן פאר רבי חיים יוסף, זאגנדיג דערביי: 'דאס איז חנוכה געלט!'

## לא להנאת גופי

קומענדיג פון טאהש קיין קרית יואל, זענען געווען געוויסע וואס האבן אים נאכנישט קענען געלערנט און האבן זיך געזארגט אז רבי חיים יוסף וועט באלעסטיגן מיט זיינע פארלאנגען. טייל האבן אפיציעל זיך דאס אויסגעדרוקט פאר די הנהלת הקהלה, זאגנדיג אז עס קומט א חשוב'ער איד, אבער ער וועט מעגליך פאדערן אסאך כוחות הנפש.

למעשה האט זיך רבי חיים יוסף אהערגעצויגן, און מען האט געווארט צו זען ווען ער גייט אנהייבן עפעס פאדערן פאר זיך... ווען גייט ער שוין עפעס בעטן? אבער ביי אים האט נישט עקזיסטירט אזוינס. מען האט קיינמאל נישט געהערט פון אים עפעס פארלאנגען פאר זיך, אויסער איין זאך: ער האט געבעטן דעם משמש יעדן טאג צו עפענען דעם עזרת נשים, וואו ער האט זיך אראפגעלייגט אויף א באנק פאר פופצן מינוט צו קענען קומען צו די כוחות און אויפשטיין מיט א פרישקייט צו שחרית, נאך א לאנגע פארטאגס וואס ער האט געלערנט שעות רצופות.

## פרוביר דו עס אויס...

מיט א תקופה צוריק איז ער אמאל מיטגעגאנגען מיט איינעם פון יוצ"ח צום דאקטאר'ס אפיס, און יענער האט געזאגט פארן דאקטאר אז דער ראש המשפחה שפירט א געוויסע שוואכקייט. דער דאקטאר האט אויסגעפרעגט זיין סדר היום: ווען גייט איר שלאפן? ווען שטייט איר אויף? הערנדיג דעם אומשטייגערליכן סדר היום מיט אויסנאם ווייניג שלאף, רופט זיך דער דאקטאר אן צום באגלייטער: "פרוביר דו עס אויס... און קום מיר צוריק זאגן וויאזוי דו שפירסט נאכדעם..."

רבי חיים יוסף איז געווען יעדן פארטאגס גאר פרי אין ביהמ"ד, ווען ער האט צום אלעם ערשט מקיים געווען דעם ערשטן סעיף פון שו"ע 'יתגבר כארי', און האט אפגעראכטן דעם פארטאגס אויף זיין געהויבענעם שטייגער, שטיל פאר זיך, ווען מען פלעגט אים אסאך מאל טרעפן אין ווייבער שול נאך אינעם אלטן ביהמ"ד. שפעטער, ווען דאס ביהמ"ד איז קליין געווארן, האט ער ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש און זיך אראפגעלייגט אויף א באנק פאר א שינת עראי, אן מאכן קיין שום וועזן פון דעם גאנצן ארום. ס'איז געווען בלויז רבי חיים יוסף מיט'ן רצון השם.

## זרח בחושך אור לישרים

רבי חיים יוסף פלעגט דערציילן איבער א נס חנוכה וואס ער האט אליין מיטגעלעבט אין תפיסה, ווען ער איז געזעסן צוליב דער מערכה קעגן די תמונות התועבה.

עס איז געווען ליל שישי אין דער חנוכה וואך. מען האט אים ארויסגעשלעפט פון שטוב און אריינגעלייגט אין א שמאלן צינוק אין "מגרש הרוסים". א הויכער פאליציי־אפיציר האט אים געסטראשעט, אז אויב ער וועט זיך נישט ברעכן, וועט מען אים ל"ע אומברענגען אין תפיסה און דערציילן אז ער האט געכאפט א הארץ־אטאקע.

רבי חיים יוסף האט אים גארנישט געענטפערט. ער האט זיך פשוט אויסגעדרייט צום צווייטן זייט, ווי צו זאגן: מיט מיין קערפער קענט איר טון וואס איר ווילט, אבער מיין אמונה קענט איר נישט צונעמען.

אויף שבת האט מען אים געהאלטן צווישן שווערע פארברעכער און נישט געלאזט דאווענען אינעם תפיסה־ביהמ"ד. זיין שוואגער האט אים אריינגעברענגט אביסל עסן און אויל, אבער די וועכטער האבן כמעט אלעס אוועקגענומען. א קליין ביסל אויל האט ער יא באוויזן צו באהאלטן פאר נר חנוכה. מוצאי שבת האט ער אבער געזען אז אויך דאס איז אויסגעגאסן געווארן.

ער האט אנגעפילט דאס גלעזל מיט וואסער און צונויפגעקראצט די געציילטע טראפנס אויל וואס זענען פארבליבן אויף די ווענט. "איך וועל טון דאס מייניגע", האט ער געטראכט, "אפילו אויב עס וועט ברענען בלויז אפאר מינוט."

ער האט אנגעצינדן דאס ליכטל אום **6:30** מוצאי שבת, און בדרך נס האט עס געברענט ביז אכט אזייגער דעם קומענדיגן אינדערפרי! אפילו די פארברעכער ארום אים זענען געבליבן שטיין ערשטוינט.

## צדקה

יעדער וואס האט נאר אמאל מיטגעהאלטן א שחרית, האט דאס איבערגעלאזט אויף אים אן אויסטערלישן רושם. יעדע בחור'ל און יעדן געלט-גייער האט ער אויפגענומען בסבר פנים יפות, ממש ווי ער וואלט שוין געווארט אויף אים א לאנגע צייט. ער פלעגט פאר יעדן אינגל באזונדער ארויסנעמען א פרוטה פון טאש, און מיט ביידע הענט, מיט א קענטיגע שמחה של מצוה, דאס אריינלייגן אין די האנט פונעם גבאי צדקה.

אפילו חנוכה אדער פורים צייט, ווען א גרויסער ציבור נערים וילדים גייען נאך געלט אין די מאסן, האט ער פאר יעדן באזונדער פון פריש ארויסגענומען א פרוטה, עס אריינגעלייגט מיט ביידע הענט, און זיך דאן צוריק אויסגעדרייט צום מזרח וואנט און ממשיך געווען וואו ער האט געהאלטן. עס איז געווען א מחזה הוד צו באטראכטן.


### אל תמנע טוב

אויב האט איר סיי וועלכע פערזענליכע איבערלעבענישן אדער ערשט־האנטיגע עובדות איבער קורות חייו פונעם לוחם מלחמות ה' ובעל מסירות נפש למען כבוד שמים – אין ירושלים עיה"ק, אין טאהש־קאנאדא, אדער דא אין קרית יואל –

**ביטע רופט אריין אין דער רעדאקציע אויף 845.774.6234, דרוקט #6, און לאזט איבער א קלארע מעסעדזש.**

מיר וועלן עס בעז"ה פובליצירן לזיכוי הרבים ולעילוי נשמתו

אתרא דמ"ר

# ר' דוד'ס ירושה





**רייכער הארציגער שמועס מיט הרב החסיד המרומם, ראש וראשון לכל קדשי ישראל**

## הרב החסיד ר' משה דוד נידערמאן שליט"א

מיט זכרונות פונדערנאנט איבער דעם אומפארגעסליכן לוחם מלחמות ה', ממעתיקי השמועה, **הגה"צ רבי דוד שמידל זצ"ל**, יו"ר "אתרא קדישא"



איזיק לעווי

**דער גאון עולם וואס האט פארקערפערט אין זיך א באשיידענער יגיעת התורה און א גבורה וואס האט אויפגעטרייסלט וועלטן און לענדער פאר כבוד המתים, די אומגעהויערע מסירת נפש ביי די גרויסע מערכות אין ווילנא און פראג, און די טייערע ירושה וואס ער האט אונז איבערגעלאזט | וויאזוי האט עס ר' דוד באוויזן?**

ר' דוד שמידל. דער נאמען אליין ברענגט ארויף אין זכרון אזויפיל יארן פון מערכות ישראל פאר שמירת און קדושת בתי החיים, איבער די גארער וועלט.

וואו עס איז נאר אויפגעקומען א געפאר פאר קברי ישראל, אין ארץ ישראל אדער אין די ווייטע אייראפעאישע לענדער, האט מען געוואוסט אז עס איז דא אן אדרעס. ר' דוד וועט זיך ארײנלייגן אין דער זאך. ער וועט פארן, ער וועט פארהאנדלען, ער וועט מוחה זיין, ער וועט טון וואס עס פארלאנגט זיך, מיט אן אויסטערלישער מסירת נפש, כדי אידישע נפטרים זאלן ווייטער קענען רוען במנוחה נכונה עד שיקצו וירננו שוכני עפר.

מיט זיין הסתלקות לשמי מעל, פארלאפענעם כ"ד אייר תשפ"ו, איז מקוים געווארן דער פסוק "האיך נפלו גיבורים ויאבדו כלי מלחמה", עס איז פארלוירן געווארן א געטרייער שומר, וועלכער איז צענדליגער יארן געשטאנען על משמר קברי אבותינו. על חומתיך ירושלים הפקדתי שומרים.

צו הערן אביסל פון יענע שטורמישע זכרונות האבן מיר אפגעהאלטן א רייכן שמועס, מיט דעם באקאנטן עסקן נמרץ, הרה"ח ר' משה דוד נידערמאן שליט"א, וועלכער האט זוכה געווען צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט ר' דוד זצ"ל אין פילע מערכות און מיטהאלטן פונדערנאנט זיין עבודת הקודש.

אין א רייכן שמועס פאר די ליינער פון "וואכנשריפט" דערציילט ער איבער די השתדלות ביי רעגירונגען און באאמטע, די שוועריגקייטן וואס מען האט געדארפט דורכגיין און די סייעתא דשמיא וואס מען האט זוכה געווען צו זען. צווישן די געשיכטעס ווערט אלץ קלארער דעם פעסטן שטאלצן דרך התורה וואס האט געפירט ר' דוד ביי יעדן טריט און שריט, און וואס מיר קענען זיך דערפון אפלערנען.

דער רייכער שמועס איז אפגעהאלטן געווארן אין די טעג נאך דער פטירה פון ר' דוד זצ"ל, ווען דער וואונד איז נאך געווען אפן און פריש, און ווערט אצינד פארעפנטליכט לקראת דעם יערליכן אקציע "כופר נפש" פון "אתרא קדישא", ווען דער גרויסער חלל שפירט זיך נאך אלץ, און פאדערט פון גאנץ כלל ישראל צו מחזק זיין זיינע הייליגע פעולות וואס ווערן ווייטער נמשך בעוז ובגבורה דורך די הייליגע עוסקים במלאכת הקודש.

## לאמיר קודם הערן אביסל פון אייך. וויאזוי האט זיך אייער עסקנות אנגעהויבן?

מיין ערשטע גרעסערע עסקנות איז געווען פאר מוסד הק' "רב טוב", דאס האט זיך געגרינדעט אין יאר תשל"ד. שפעטער האט מען מיך געבעטן ארויסצוהעלפן ביי די "פאראייניגטע אידישע ארגאניזאציעס אין וויליאמסבורג", בשנת תשמ"ט.

פאר מיר איז דארט געווען ר' נחום הארפענעס ע"ה. ווען ער איז אוועקגעפארן וואוינען קיין ארץ ישראל, האט ר' משה טייטלבוים ע"ה פאר א קורצע תקופה איבערגענומען די פירערשאפט, ביז איך בין ארײנגעקומען, בס"ד. אבער דאס איז א שמועס פאר זיך, מ'וועט עס לאזן פאר א צווייטע געלעגנהייט. יעצט לאמיר רעדן איבער דעם מוסד הק' "אתרא קדישא".

ביי דעם הייליגן מוסד דארף מען וויסן, אז דער גאנצער געדאנק אריגינעל איז געקומען פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, דער רבי זי"ע האט געהייסן פארן באקאנטן עסקן הר"ר חיים ראטה ז"ל, ער זאל דאס דורכרעדן מיט'ן בריסקער רב זצ"ל, וועגן גרינדן אן ארגאניזאציע וואס זאל שטיין על משמר קדושת בתי החיים. אזוי איז "אתרא קדישא" נולד געווארן.

## ווען איז ר' דוד זצ"ל געווארן דער יושב ראש אתרא קדישא?

צו רעדן פון ר' דוד זעלבסט, איז שוין שווער צו וויסן וואו אנצוהייבן...

אין אמת'ן האט מען מיך געבעטן צו רעדן ביי דער עצרת הספד נאך זיין הסתלקות, און איך האב זיך זייער פרובירט ארויסצודרייען. איך בין געווען אין א גרויסער פארגעלעגנהייט. וויאזוי קען מען אין עטליכע מינוט ארויסברענגען אזא איד? איך האב געהאט די זכי' אים צו קענען אזויפיל יארן, און אפילו נאכדעם קען איך נישט זאגן אז איך האב שוין ריכטיג באגריפן און קענען געלערנט ווער ער איז געווען. און פון די אנדערע זייט האב איך נישט געוואלט זיין א "מתעצל בהספידו של חכם".

ווען העסקן הדגול הרה"ח אלעזר אלימלך שטערן שליט"א, האט מיך גערופן און געבעטן צו רעדן האבן מיר געשמועסט עטליכע נקודות, וואס איז פאסיג איבערצוזאגן.

אנגעהויבן האב איך מיט א ווארט פונעם רבי'ן זי"ע אויף דער משנה: "רבי יהודה בן תימא אומר, הוי עז כנמר..." און נאכדעם שטייט, "הוא היה אומר, עז פנים לגיהנם ובושת פנים לגן עדן". דער רבי האט מסביר געווען דעם לשון "הוא היה אומר", אז מ'זאל נישט מיינען אז מ'רעדט דא פון צוויי באזונדערע סארטן מענטשן. דער זעלבער מענטש וואס דארף זיין "עז כנמר", דארף אויך האבן "בושת פנים".

דאס האט מען געזען ביי דעם גאון וצדיק, רבי דוד זצ"ל. ביי זיך איז ער געווען א צובראכענער, א ווייכער, א שטילער איד. דער דרך ארץ, דאס געבן כבוד פאר יעדן, די אײדלקייט, איז געווען עפעס אויסערגעוויינליך. אבער ווען עס איז געקומען צו כבוד המתים, צו קדושת בתי החיים, האט ער זיך געשטעלט מיט אן אייזערנער שטארקייט. דארט האט מען אים נישט געקענט בייגן. ער האט זיך געשטארקט "גיבור כארי"!

די צווייטע נקודה איז געווען דער אויסטערלישער אויסגעארבעטער מדה פון "בולם פיו בשעת מריבה". וואס דאס האט מען געזען ביי ר' דוד אויפן העכסטן פארנעם. ער האט געקענט שטיין אינמיטן א שווערער מערכה, די גאנצע וועלט האט גערודערט, קול קורא'ס און בריוו פון איבעראל, אבער ער האט קיינמאל נישט געזען זיך. אפילו ווען עס איז געווארן פערזענליך, ווען מ'האט אים געטשעפעט, האט ער געשוויגן. א שטיל שווייגעניש האט געהערשט ארום אים קעגן סיי וועלכן איד באשר הוא שם.

איבערהויפט בין איך נתפעל געווארן איבער זיין באשיידענעם לעבן וואס ער האט געפירט אלע יארן.

# הגאון רבי דוד זצ״ל ביים שתדל׳ן לטובת בתי חיים אין פילע לענדער איבער די וועלט





אין טערקיי לטובת דעם ביה״ח אין אינסטאבול






אין מצרים צו ראטעווען דעם ביה״ח אין קאהיר



אין רומעניא אינאיינעם מיט הר״ר אליי קופמאן



אין רוסלאנד מיט הרב בערל לאזאר, הויפט רב פון רוסלאנד

״כך דרכה של תורה״. ער האט געוואוינט אין א קליינער דירה אין בני ברק, ארומגענומען בלויז מיט ספרים. עס האט נישט דארט עקזיסטירט קיין לוקסוס, קיין כבוד, גארנישט.

א גאנצע וואך פלעגט ער זיין אין זיין בארימטער כולל מיט די געהויבענע תלמידי חכמים, אמאל אין טבריה און שפעטער אין קוממיות, און עוסק געווען בתורה משבת לשבת.

סתם מענטשן וואס האבן אים נאר געזען פון דרויסן, האבן געקענט מיינען אז ער איז א פשוט׳ער איד, א בטלן, ער ווייסט מסתמא נישט וואס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט. אבער באמת האבן מיר נישט קיין השגה אין וואס ער איז געווען באקאנט מיט אן אויסטערלישן בהירות.

ער האט געקענט עטליכע שפראכן מיט א פליסיגקייט, געהאט גאר ברייטע ידיעות אין היסטאריע פון איבער די גאנצע וועלט, און ער ארויסגעהאט און פארשטאנען א זאך אזוי גוט, קלאר און דייטליך, אז אפילו גרויסע באאמטע און פאליטיקער זענען איבערראשט געווארן. - איך האב אזעלכע סצענעס מיטגעהאלטן, נישט איינמאל, נאר ביי אלע זיצונגען מיט הויכע באאמטע אין גרויסע אימפעריעס און לענדער.

ווי געזאגט איז ער געזיצן אין כולל משבת לשבת, נאנטע און באקאנטע האבן שווער געקענט צוקומען צו אים. מ׳האט שוין געוויסט וועלכע שלוחים צו שיקן צו אים, און ער האט גלייך געמאכט די נויטיגע פארבינדונגן. שפעטער ווען קאמיוניקאציע איז געווארן שנעלער מיט דער טעלפאן, האט ער געהאט א פריוואטער טעלעפאן, אבער בלויז פאר עסקנות.

ווי נאר עס איז געקומען א קאל וועגן א בית החיים, האט ער נישט געהאט קיין מנוחה. אז מ׳דארף טון? טוט מען. אז מ׳דארף פארן? פארט מען. דאס האט אים געפירט. אויב די תורה פארלאנגט, טוט מען וואס עס פארלאנגט זיך, און אויב עפעס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה, קען מען נישט מסכים זיין, קען מען נישט מפשר זיין, נישט קיין חילוק וויפיל מ׳זאל נאר דרוקן פון אלע זייטן.

## דערציילט אונז אן אינטערעסאנטע, שטורמישע פרשה וואס איר האט מיטגעהאלטן מיט ר׳ דוד.

איך וויל קודם באטאנען. ר׳ דוד האט זיך דערווייטערט פון מחלוקת עד קצה האחרון. אפילו ווען מענטשן האבן אים אטאקירט, האט ער נישט געמאכט קיין עסק דערפון כדי נישט צו פארברייטערן די מחלוקת. ער האט געהאלטן אז צום סוף וועט דאס שאטן פאר די קברי ישראל.

ער פלעגט זאגן: אויב מ׳וועט אנהייבן פירן א מלחמה בפומבי, אז ס׳איז דא צוויי זייטן, ווער וועט דערפון פארדינען? די וואס ווילן גראבן. און ווער וועט ליידן? די מתים. דאס איז אים געשטאנען פאר די אויגן מיט זיין שכל הישר בדרך התורה. טראץ וואס צומאל האט דער ברייטער גאס נישט געהאט קיין גינסטיגער בליק אויף אים און די מערכות דורך די שלוחים פון אתרא קדישא, אבער ער איז געווען גרייט אז זיין כבוד זאל פארשוועכט ווערן, ענדערש ווי א צל ספק אז די קברים וועלן דורכדעם פארשוועכט ווערן.

לאמיר אבער מיטטיילן איין ווייטאגליכער פרשה

וואס צייגט עד היום הזה איבער זיין סייעתא דשמיא.

דער ביה"ח אין שטאט "ווילנא" איז א ווייטאגליכע פרשה. דער היסטארישער בית החיים איז שוין פריער געווארן צעשניטן. נאך אין די צייט פונעם צאר האט מען אוועקגענומען א טייל פאר א קעניגליכן פאלאץ, און שפעטער האבן די סאוויעטן געבויט א ספארט-צענטער אויפ'ן פלאץ. מען האט דעמאלט ביים בויען נישט אויסגעגראבן די גאנצע ערד, נאר געלייגט שמאלע "פוטינגס" אין דעם בית החיים אויף די קברים און אויף דעם געבויט די בנינים, ערשט אין די שפעטערע יארן האט די ארטיגע רעגירונג געוואלט אינגאנצן איבערבויען דעם גאנצן קאמפלעקס. דאס האט שוין געמיינט געהעריג ארויסגראבן די גאנצע ערד מיט די קברים און אריינלייגן נייע זאכן אונטער דער ערד, ווי צום ביישפיל, עלעקטריציטעט און נאך. דא האט זיך אנגעהויבן די גרויסע מערכה.

די ליטווישע רעגירונג האט גע'טענה'ט אז דער פלאץ איז שוין ליידיג, עס זענען שוין נישטא קיין קברים. אבער דאס איז פשוט נישט געווען אמת. האבן מיר געבעטן: ווייזט אונז די אינזשעניערונג־פלענער, לאמיר זען פונקטליך וואו איר ווילט גראבן.

יעדעס מאל איז געקומען א צווייטער תירוץ. קודם האט מען געזאגט אז מ'וועט בכלל נישט גראבן. נאכדעם האט מען געזאגט אז די פייפס וועלן אריינגיין דורך די לעכער וואס זענען שוין דא. שפעטער האט מען שוין אליין מודה געווען, אז אויב עפעס וועט פלאצן, וועט מען יא דארפן גראבן. אזוי איז אנגעגאנגען א לענגערע צייט וואס זיי האבן פרובירט אלע סארט דריידלעך.

עס זענען געווען געוויסע עסקנים, וואס האט געהאלטן אז מ'קען טרעפן א פשרה. די רעגירונג האט אפילו צוגעזאגט צו שטעלן שומרים און באצאלן הונדערטער טויזנטער יורא דערפאר.

אבער ר' דוד האט מיט א שטארקייט און פעסטקייט געזאגט "בלא!" דא איז קרקע בית החיים, און מ'מעג נישט גראבן! אויב וועט מען דא אפילו איינמאל געבן א פתח פאר פשרות, וועט נאכקומען נאך א פראיעקט און נאך א פראיעקט אין אלע ארומיגע לענדער און שטעטלעך. און מען וועט אפווישן קברי ישראל פון די מאפע, היל"ת.

דא קומט מען צוריק צו דער צווייטער נקודה וואס איך האב דערמאנט אין מיין הספד. איבער א וויכטיגע זיצונג וועגן ווילנא, מיט די ארטיגע באאמטע, וואו ר' דוד האט זייער קלאר ארויסגעזאגט דעם אמת'ן דעת תורה. דערנאך האט זיך איינער אנגערופן צו אים מיט גאר שארפע ווערטער, מיט א גרויסן פערזענליכן זלזול.

דער אנוועזנדער עולם איז געווארן שאקירט און געווארט צו זען וואס עס וועט יעצט זיין. מ'קען זיך פארשטעלן, ביי אזא זיצונג, אין אזא הייסער מערכה. נאכדערצו







הרה"ח ר' משה דוד שליט"א מיט הרה"ח ר' חזקי' קאלפאבאוויטש הי"ו ביי א שתדלנות מיסיע צו אפראטעווען א ריזיגע בית החיים אין גאליפאלי, טערקיי





דער ביה"ח אין ווילנא

## ביזן לעצטן דעטאל!

# די מערכה להצלת בית החיים אין פראג

ר׳ משה דוד שילדערט:

איך וועל דיר דערציילן די מעשה מיט דעם ביה״ח אין שטאט פראַג. דאס וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן.

עס איז געווען א גרויסע אפיס־קאמפאני אין פראג מיט עסטרייכישע שותפים, וואס האט געוואלט בויען א פראיעקט אין פראג, און אונטער דעם פראיעקט איז געווען א בית החיים. ר׳ דוד האט מיך געבעטן צו פארן צום פעדעראלן מיניסטעריום אין עסטרייך, מסביר זיין אז א פירמע פון זייער לאנד איז א שותף אין א פראיעקט וואס קען ברענגען צו חילול קברים. אז ר׳ דוד האט געזאגט מ׳דארף פארן, איז מען געפארן.

אין מיניסטעריום האט מען מיר געזאגט אז די רעגירונג קען זיך נישט אריינמישן אין א פריוואטער קאמפאני. האב איך זיי געזאגט: איך בעט נישט איר זאלט באשליסן פאר זיי וואס צו טון. העלפט אונז נאר אנקומען צו די מענטשן וואס קענען באשליסן.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צום הויפט־אפיס פון דער פירמע. אין אנהייב האבן זיי זיך פרובירט ארויסצודרייען. זיי זענען נאר א קליינער שותף, האבן זיי געזאגט, זיי קענען נישט אליין באשטימען.

מיר האבן זיי אבער קלאר געוויזן אז די עסטרייכישע רעגירונג נעמט די זאך זייער ערנסט. דאס האט שוין געטוישט דעם טאן. שפעטער האבן זיי אונז צוזאמגעברענגט מיט די דעוועלאפערס אליין, און דארט האט זיך אנגעהויבן די ארבעט.

די דעוועלאפערס האבן געזאגט אז אין פראג קען מען נישט בויען אזא גרויסן אפיס־בנין אן קיין אונטערערדישע פארקינג. עס איז נישט מעגליך, אזוי האבן זיי גע׳טענה׳ט.

ר׳ דוד האט זיך אריינגעלייגט צו זען צי ס׳איז דא א וועג על פי הלכה, אז די קברים זאלן בלייבן בשלימות און מ׳זאל קענען ווייטערגיין מיט׳ן פראיעקט. מ׳האט דורכגעטראכט אלע צדדים, ביז מ׳האט געפונען א לעזונג.

אבער ר׳ דוד איז נישט געווען צופרידן. ר׳ דוד האט אויך פארלאנגט אז אידן מוזן קענען האבן א צוטריט, אריינצוקומען און מתפלל זיין אויפ׳ן פלאץ.

מיר האבן געמיינט אז דער וועט אלעס דערלייגן אזוי. אבער צדיק באמונתו יחי׳! אויף דעם זענען געווען לאנגע פארהאנדלונגען, ביז מ׳האט עס אנגענומען. אלעס וואס ער האט געבעטן זענען זיי נאכגעקומען!






UNITED STATES COMMISSION
FOR THE PRESERVATION OF AMERICA'S HERITAGE ABROAD

May 5, 2014

H.E. Petr Gandalovic
Embassy of the Czech Republic
3900 Spring of Freedom Street, NW
Washington, DC 20008

Dear Ambassador Gandalovic:

In the year 2000, the Embassy, the Commission, and others, including Czech national and city officials, the chief rabbi of Israel and the Prague Jewish Community, worked to resolve a dispute regarding a very old, long obscured Jewish cemetery in the Nove Mesto area of Prague that past insensitive government action had relegated to other use. In constructing a building on a site on Vladislavova Street not thought to contain remains, the Ceska Pojistovna insurance company had unearthed remains of people buried in the cemetery.

In a compromise, the company agreed to alter its construction plans and the Czech Ministry of Culture provided it with compensation of approximately $1.2 million. The Ministry designated the site and 25 others in the area as a cultural memorial to provide protection from further excavation. The Government of the Czech Republic's admirable actions were consistent with its commitments in the March 17, 1992 Agreement Between our Governments for the Protection and Preservation of Cultural Properties.

Last year, a virtually identical problem arose as the Immofinanz Group of Vienna, Austria began to renovate and expand a building at Jungmannova 15, adjacent to the site on Vladislavova Street but not, unfortunately, one of the other identified and protected parts of the cemetery. When it was discovered that digging exposed graves and local and international – including American – Jewish groups expressed concern, the company delayed construction and revised plans for the building, sacrificing 21% of the parking spaces. Immofinanz's very praiseworthy response to the situation understandably came at a substantial cost to the business.

I am writing to strongly urge that the Czech Ministry of Culture favorably consider appropriate compensation for Immofinanz's loss. I have enclosed a detailed report on the matter by the company.


Europäisches Komitee
für den Schutz jüdischer Friedhöfe
The European Committee for Protection of Jewish Cemeteries

Affiliated With
ATHRA KADISHA
For The Preservation Of Holy Sites

PRESIDENTS

LATE PRESIDENTS

Hannah M. Lessing
Secretary General,
National Fund of the Republic
of Austria for Victims of National Socialism

Tuesday, May 20, 2014

Dear Hannah,

It is quite some time since we were in touch and were assisted by you in our mission to preserve Jewish Cemeteries in Europe, and we hope that you were doing well since then. Thanks to your wonderful commitment and work Jewish cemeteries all over Austria are preserved and beautified. We are happy that Athra Kadishe was able to work closely with you achieve great results in preserving the historic cemetery in Vienna, and we will always remain grateful to you for that.

We're now contacting you on a preservation project of one of the oldest known Jewish cemeteries in Europe, to appeal for your assistance on the matter.

It is well over a year that we are working on preserving ancient graves in Prague's New Town (Nove Mesto), in a cemetery tracing back its roots over 850 years, to CE 1254. The cemetery was used by the Jewish community for over 200 years, until it was discontinued in 1478 by the Czech sovereign Vladislav Jagelonský. The forgotten cemetery, known at the time as "the Jewish Garden", was rediscovered during the late 1990s when the Czech Insurance Company started excavations on Vladislavova Street and discovered human remains.

Continued on page 2

PRESIDENT: Rabbi David Niedermann • CEO: Rabbi Chaikyn Kalmanowitz
Main Office: Schreygasse 9/1 1020 Wien Österreich • +43 720 883 213 • office@jceu.eu

מענטשן האבן אמאל געמיינט אז ר׳ דוד ווייסט נאר צו פראטעסטירן. דא האט מען געקענט זען וויפיל כוחות ער האט אריינגעלייגט אויסצוארבעטן א לעזונג אונטערן טיש, אז די ביה״ח זאל בלייבן בשלימות און די קברים זאלן זיין אפגעהיטן כדת וכדין.

נאך דער גאנצער פרשה האט יענע פירמע צוגיפגערופן א גרויסע זיצונג מיט פארשטייער פון דער עסטרייכישער אמבאסאדע, דער טשעכישער אמבאסאדע און נאך באאמטע, און פארגעלייגט א פולשטענדיגן באריכט פון דער גאנצער ארבעט. זיי האבן דארט פארגעשטעלט באוויז אז נאכצוקומען אלע פאדערונגען פון ״אתרא קדישא״ האט זיי געקאסט אריבער א מיליאן יורא!



אז דערביי זיצן די באאמטע וואס ווילן זען ווער עס קען בעסער אפענטפערן.

אבער ר' דוד איז געזעסן שטיל!

ער האט נישט געענטפערט אפילו איין ווארט!

ער האט געהאט וואס צו ענטפערן. אבער זיין כבוד האט ביי אים נישט פארנומען קיין ארט. נאר די קברי ישראל, וואס קען דורכדעם נתחלל ווערן, האט געהאט ביי אים א חשיבות.

דעמאלט האט יעדער געזען דעם ריכטיגן באדייט פון "אדם בולם פיו בשעת מריבה".

איך קען זאגן פון די יארן וואס איך געהאט די זכי' אז איך האב מיט אים געארבעט, אז איך האב קיינמאל נישט געהערט פון אים א שלעכט ווארט אויף א מענטש. ער האט געקענט זייער שארף ארויסקומען קעגן א מהלך אדער א פראיעקט, אבער ער האט נישט געוואלט מבזה זיין קיין שום מענטש. אפילו ווען יענער האט אים באליידיגט, האט ער נישט צוריקגעענטפערט.

## וואס איז למעשה געווארן מיט דעם פראיעקט אין ווילנא?

די מערכה האט זיך ווייטער געצויגן יארן לאנג. פלענער זענען געקומען און געגאנגען, און דער דרוק איז געווען פון אלע זייטן. אבער מיט סייעתא דשמיא האט מען נאכאנאנד אנטדעקט פראבלעמען און אומלעגאליטעטן אינעם פראיעקט, און ביזן היינטיגן טאג האט די ארטיגע רעגירונג נישט געקענט דורכפירן די געפלאנטע ארבעט.

אבער דא איז ווייטער ארויסגעקומען זיין תורה'דיגן בליק, ביי ר' דוד האט מען אבער נישט געהערט "איך האב געוואונען". ער האט נישט געפייערט קיין נצחון. עס האט אים נישט אינטערעסירט. די תוצאות האט ער איבערגעלאזט פאר'ן אויבערשטן.

## וועלכע נאך אייגנארטיגע מהלכים האט ער אראפגעשטעלט אנדערש ווי דער אויסערליכער בליק?

אסאך, זיין דעת תורה איז געווען היפך דעת בעל הבית, והיינו דאהני ליה.

א ביישפיל איז דאס אפקויפן בתי חיים פון רעגירונגען. מענטשן האבן אמאל געהאלטן: מ'וועט געבן געלט, מ'וועט אפקויפן דעם פלאץ, און דער בית החיים וועט בלייבן אפגעראטעוועט.

ר' דוד האט געהאלטן אז מ'טאר דאס נישט טון. ער האט געזאגט: אפשר וועסטו יעצט ראטעווען דעם איינעם בית החיים, אבער דו לערנסט דערמיט אויס די אנדערע רעגירונגען אז פון בתי חיים קען מען מאכן א געשעפט. מארגן וועט נאך א רעגירונג פארלאנגען געלט, און נאך איינע. קענסטו דען אפקויפן אלע בתי חיים אויף דער וועלט?

מ'דארף דאך טראכטן וואס דער שריט וועט ברענגען ווייטער. די אחריות איז צו טון וואס איז ריכטיג על פי תורה, ביי די בתי חיים וואס ווערן פארשוועכט, אבער נישט חלילה צוברענגען צו מערערע פראבלעמען.

## איר האט פריער דערמאנט אז ר' דוד האט געהאט גאר ברייטע ידיעות אין היסטאריע. קענט איר אונז דערציילן אביסל מער דערוועגן?

אוודאי. ער האט געוואוסט וואו די בתי







אופן הר הזיתים אינאיינעם מיט מרן גאב"ד ירושלים הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל

חיים געפינען זיך, וואס מ'האט דארט געבויט, וועלכע רעגירונג האט געהערשט אויפ'ן פלאץ און ווער עס האט עס שפעטער איבערגענומען. ער האט אויך געוואוסט וועלכע געזעצן מ'קען אפשר נוצן צו ראטעווען דעם מקום קדוש. די ידיעות האבן געהאלפן אויף למעשה.

איך געדענק די פרשה ביים בית החיים וואו דער רמ"ע מפאנו ליגט. עס זענען אנגעקומען ידיעות אז מ'פלאנירט דארט גראבונגען. ר' דוד האט גלייך געוואוסט די היסטאריע פונעם פלאץ, אז די געגנט איז אמאל געווען אונטער דער עסטרייכישער הערשאפט און שפעטער אריבער צו דער איטאליענישער רעגירונג. דאס האט געהאלפן אנצוקומען צו די ריכטיגע באאמטע און אפשטעלן די ארבעט.

## וואס האט ר' דוד געזאגט ווען זאכן זענען נישט געגאנגען ווי געפלאנט?

דאס איז געווען דער יסוד ביי אים: א איד דארף טון וואס די תורה פארלאנגט. צי ער וועט מצליח זיין, דאס איז שוין אין די הענט פונעם אויבערשטן. אבער זיין חלק דארף ער טון.

גארנישט האט ער נישט געטון מדעת עצמו, ער פלעגט שטענדיג איבערזאגן בשם זיינע רבי'ס. "דאס האב איך מקבל געווען פון רבי פנחס עפשטיין זצ"ל", "דאס האב איך מקבל געווען פונעם "מנחת יצחק" זצ"ל". פארשטייט זיך פונעם בריסקער רב זצ"ל - וואס האט אים אריינגעלייגט אין דעם גאנצן עסק - האט ער געהאט גאר אסאך הוראות. ביי אים איז עס געווען מיט א פשטות. ער האט אזוי מקבל געווען, און אזוי האט ער געטון.

די זעלבע פשטות האט מען געזען אין זיין עבודת ה'. ווען ער האט גערעדט צום אויבערשטן, איז עס געווען מיט אזא תמימות, ווי א קינד רעדט צו זיין טאטן. ער האט נישט געמאכט קיין ווענדן פון זיך קיינמאל.

## נאך די אלע יארן פון ארבעטן מיט אים, וואס האט איר זיך דערפון אפגעלערנט?

דאס דארף מען זיך טאקע אפלערנען. ר' דוד איז נישט געווען קיין רייכער מענטש, קיין פאליטיקער אדער א בעל כח. ער איז געווען א ירא שמים מרבים, א חרד לדבר ה', וואס האט מיט התמדה, מסירת נפש און אמונה געטון זיין ארבעט. און ער האט באוויזן צו ווירקן ביי רעגירונגען, מיניסטארן און גרויסע אינטערנאציאנאלע אינסטאנצן.

מענטשן האבן געשפירט אז ער מיינט עס ערנסט, אז עס איז לשם שמים. ער האט נישט געזוכט קיין כבוד אדער צו ווערן בארימט. ער האט געוואלט אז א אידישער קבר זאל בלייבן במנוחה נכונה.

מ'האט מיר אמאל געפרעגט: וויפיל בתי חיים האט ר' דוד געראטעוועט? איך ווייס נישט צי איינער קען ענטפערן דערויף. וויפיל מאל האט ער אפגעשטעלט א פלאן נאך איידער עס איז געווארן א נייעס? וויפיל מאל האט א בריוו, א טעלעפאן-רוף, א נסיעה אדער א זיצונג פארמיטן א גזירה? דאס שטייט נישט אלעס אין די צייטונגען, אדער סיי וואו דאקומענטירט. נאר דער אויבערשטער ווייסט.

דאס איז אויסערדעם וואס ער איז געווען א גרויסער מתנגד קעגן






רבי דוד זצ"ל בראש פון פילע עצרות מחאה קעגן דעם חילול בתי חיים אין ארה"ק





רבי דוד ביים ווערן ארעסטירט בשעתן מגין זיין בגופו על קברי ישראל

# אפשר פעלט אויס פונקט דיין חלק?!

ר' דוד האט זייער אסאך גערעדט דערפון. מענטשן מיינען אמאל, מ'גייט ארויס אויף א מחאה, מ'ווייזט אז ס'טוט וויי, און דערמיט ענדיגט זיך עס. אבער ר' דוד האט געהאלטן אז יעדע מחאה האט א חשיבות פאר זיך.

איינער פון זיינע תלמידים האט ביי די הספדים נאכגעזאגט א געוואלדיגן געדאנק:

"דער אויבערשטער האט באשטימט וויפיל מסירת נפש מ'דארף אריינלייגן צו מבטל זיין א גזירה. ווען די מאס ווערט פול, ווערט די גזירה בטל. דו ווייסט נישט וועלכע מחאה, וועלכע נסיעה, וועלכע טרער אדער וועלכע הקרבה וועט משלים זיין די מאס וואס מען האט באשטימט פון הימל.

ממילא איז נישט געווען ביי אים די שאלה: וואס וועט שוין מיין השתדלות אויפטון? דו לייג צו דיין חלק. אפשר פעלט יעצט אויס פונקט דיין חלק?!



ווערט ווארעם אויפגענומען בבית כ"ק מרן גאב"ד ירושלים השערי' טובי' זצוק"ל



אין די סוכה פון מרן הגאב"ד בעל מנחת יצחק זצ"ל אינאיינעם מיט כ"ק אדמו"ר מדושינסקיא זצ"ל

מפרסם זיין די פעולות פון "אתרא קדישא" אין די צייטונגען. רוב זאכן וואס ער האט געטון איז קיינמאל נישט פארשפרייט געווארן פאר דער ברייטער גאס.

## וואס קענען שלומי אמוני ישראל מיטנעמען פון די זכרונות?

איך מיין אז דאס ערשטע איז דער דרך וויאזוי צו קוקן אויף א זאך. ווען ר' דוד איז געשטאנען פאר א שאלה, האט ער קודם געוואלט וויסן וואס די תורה פארלאנגט. נאכדעם האט מען געזוכט וויאזוי עס אויסצופירן. דאס קען יעדער איד מיטנעמען, ביי די שאלות וואס קומען אים אונטער אין זיין לעבן.

און נאך א זאך: מ'דארף זיך אפלערנען וויאזוי ער האט געפירט די מערכות. מענטשן מיינען אמאל, אז ווען מ'איז גערעכט, קען מען שוין זאגן וואס מ'וויל. ביי ר' דוד האט מען געזען אז מ'קען זיין גאר פעסט און דערביי זיך פירן מיט דרך ארץ. ער האט נישט נאכגעלאזט פון זיינע יסודות, און ער האט אויך נישט פארלוירן זיין איידלקייט.

מיט זיין הסתלקות איז געבליבן א געוואלדיגער חלל. ביי אזויפיל שאלות פון כבוד המתים האט מען געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדן. מ'האט געהאט א איד מיט א קלארער דעת תורה, מיט יושר און מיט אזא מסירת נפש פאר יעדן אידישן קבר, וואו עס זאל נאר זיין.

דעם דרך וואס ער האט אונז געוויזן, דאס דארפן מיר ווייטער מיטנעמען.

*

מיט דעם בילד פארענדיגן מיר דעם שמועס. די קליינע דירה אין בני ברק, און די בתי חיים אין די ווייטע לענדער, וואו אידישע נפטרים רוען בכבוד א דאנק די אומדערמידליכע פעולות פון ר' דוד זצ"ל, זענען עדות אויף א לעבן פון תורה און מסירת נפש, מיט א געטריישאפט וואס האט נישט נאכגעלאזט אין די שווערסטע אומשטענדן.

וויפיל רבי דוד האט אלץ אויפגעטון וועט מען קיינמאל נישט קענען צוזאמענרעכענען. אבער פון די זכרונות קענען מיר ארויסלערנען צו מחזק זיין דעם אייביגן ירושה וואס ער האט איבערגעלאזט פאר כלל ישראל.





רבי דוד זצ"ל אויפן בית החיים העתיק אין בית שמש וואו מ'האט ליידער מחלל געווען קברי ישראל